נישט, האַר. האָט ישוע געזאָגט: אַפילו איך פאַר־
משפט דיך נישט; גיי, און פון איצט אָן זינדיק
(נישט מער.)
דאַן האָט ישוע ווידער צו זיי גערעדט, אַזוי צו 12
זאָגן: איך בין דאָס ליכט פון דער וועלט; דער,
וואָס פאָלגט מיר נאָך, וועט אויף קיין פאַל נישט
וואַנדלען אין דער פינסטערניש, נאָר וועט האָבן
דאָס ליכט פון לעבן. די פרושים האָבן דעריבער 13
צו אים געזאָגט: דו זאָגסט עדות וועגן דיר אַליין;
דיין עדות־זאָגן איז נישט אמת. האָט ישוע געענט־ 14
פערט און געזאָגט צו זיי: און ווען אַפילו איך זאָג
עדות וועגן מיר אַליין, איז דאָך מיין עדות־זאָגן
אמת; ווייל איך ווייס פונוואַנען איך בין געקומען,
און וואואַהין איך גיי; איר אָבער ווייסט נישט
פונוואַנען איך קום, אָדער וואואַהין איך גיי. איר 15
משפט לויטן פלייש; איך משפט נישט קיינעם.
און אויב איך משפט יאָ, איז מיין משפט אמת; 16
ווייל איך בין נישט אַליין, נאָר איך און דער פאָטער,
וואָס האָט מיך געשיקט. און אַפילו אין דער תורה 17
אייערער שטייט געשריבן, אַז דאָס עדות־זאָגן
פון צוויי מענטשן איז אמת. איך בין עס, וואָס זאָגט 18
עדות וועגן מיר אַליין, און דער פאָטער, וואָס האָט
מיך געשיקט, זאָגט אויך עדות וועגן מיר. זיי האָבן 19
דעריבער געזאָגט צו אים: וואו איז דיין פאָטער?
האָט ישוע געענטפערט: נישט איר קענט מיך,
נישט דעם פאָטער מיינעם; אויב איר וואָלט
מיך געקענט, וואָלט איר אויך געקענט מיין פאָטער.
די דאָזיקע ווערטער האָט ער גערעדט אינם בית 20
האוצר, בשעת ער האָט געלערנט אין בית המקדש;
און קיינער האָט אים נישט געכאַפּט, ווייל זיין שעה
איז נאָך נישט געהאַט געקומען.